# ראדני סטריט עירוב עלימינירט נאך קרוב צו דרייסיג יאר אין קראפט

## חרדי'שע גאס ברויזט אויף ביזוי כבוד גדולי ישראל און הוצאת שם רע אויף אלפי ישראל

וויליאמסבורג. — גרויס אויפברויז הערשט אינעם עולם התורה והרבנות אויפן פרישן פארמעסט פון דער טרויעריג-בארימטער כת המסרבים לדין תורה און זייערע שלוחים לדבר עבירה, משפיל און מבזה צו זיין גדולי ישראל וקדושי עליון זצ"ל ולהבחל"ח הרבנים הגאונים והצדיקים אשר בחיים הם אתנו שליט"א, דורך מטיל דופי זיין אין זייער'ס א הוראה ברורה אויף וואס טויזנטער אידן האבן במשך צענדליגער יארן זיך סומך געווען להלכה ולמעשה אנבלאנגט איסורי דאורייתא.

פארגאנגענע וואך אין "דער איד" אינעם נומער פון עש"ק פר' שלח האבן די אנפירערשאפט פון דער כת מסרבים לדין ווידער מזייף געווען דעם נאמען פון קהל יטב לב ד'סאטמאר און אנאנסירט די פאלגענדע מעלדונג אונטער'ן פאלסאפיצירטן דרוקסארט פון די קהלה, ווי פאלגענד:

"מודעה נחוצה בנוגע העירוב שברחוב ראדני סטריט למתפללי בית מדרשנו הי"ו ולהדרים שם.

"עפ"י הוראת הגה"צ המפורסם דומ"ץ דקהלתנו שליט"א, הננו להודיע כדלהלן:

"א) מהיום והלאה לא יהי' עוד עירוב של צורת הפתח, והן של מחיצות, אצל בית מדרשנו, בין בראדני סטריט ובין בוויליאמסבורג איסט.

"ב) מעולם לא נעשה ע"י קהלתנו עירוב של צורת הפתח לצורך בית מדרשנו.

"ג) מה שנעשה עד עתה תיקון עירובין ע"י קהלתנו בראדני סטריט זה הי' ע"י מחיצות גמורות דוקא, ונעשה כדי להנצל מחשש אמירה לעכו"ם שמוציאין השולחנות והספסלין וכדו' אבל לא נעשה עבור טלטול יהודים מביהמ"ד לחוץ.

"והיות וראינו שגם מעשיית מחיצות גמורות באים לידי טעות או מחפשים אמתלא לפרוץ בגזה

(פארזעצונג אויף זייט 109)

באזונדער איז אבסורד און שאק אז | שליט"א אויסגעברייטערט דעם ראדני

שלום אליקים
**געציל בערקאוויטש**
דומ"ץ קרית יואל יצ"ו


**RABBI G. BERKOWITZ**
**39 SATMAR DR. #201**
**MONROE, NY 10950**
**914-783-8715-8**


הן הובא לפני קונטרס חשוב בשם ילקוט מכתבים ובתוכו נאספו מכתבי גדולי הרבנים המעידים על דעת קדשו של רבינו הקדוש מרן בעל דברי יואל זלה"ה בדבר התנגדותו לתיקון עירובין בעיר ברוקלין ניו יארק.

דבר גדול עשו בזה להודיע לדורות הבאים דעת קדשו של רבינו הק' ז"ל אשר עיר וקדיש משמיא נחית, והשאירו הקב"ה לפליטה אחר החורבן הנורא לבנות מחדש את היהדות הצרופה והנאמנה על יסודות איתנים בדרך ישראל סבא עד ביאת גואל צדק בב"א.

והנני להוסיף בענין זה שהעיד לפני הרב החסיד ר' שלום נחמן פילעפף נ"י ששמע מפ"ק של רבינו הק' ז"ל פעם בעריכת שולחנו הטהור בשבת קודש בסעודתו תנינא שהתמרמר מאוד על הפירצות הנוראות הנצמחים מתיקון עירובין בחלקי עיר ניו יארק רבתי, ובתוך דברי קדשו אמר שלדעתו יש חשש רשות הרבים דאורייתא על רחוב בעדפארד עוו.

לכן אנו תלמידי רבינו הקדוש ז"ל עלינו ללכת בדרכיו שלא לתקן עירובין בשום חלק מעיר ניו יארק רבתי ושלא לטלטל אפילו לאחר שתיקנו שם עירובין, וזכות רבינו הקדוש ז"ל יגן עלינו להוושע בכל מילי דמיטב, ובזכות שמירת שבת קודש נגאל בגאולה אמיתית בב"א.

ובעה"ח ה' לסדר ויקרא תשס"ב לפ"ק

בריוו פון הגאון הגדול דומ"ץ קרית יואל שליט"א
בנוגע תיקון עירובין אין די שטאט ברוקלין

הרה"ג רבי זלמן לייב פילאפף שליט"א מו"ץ התאחדות אברכים געגעבן א הכשר צו מאכן אן עירוב אויף קיעפ סטריט כדי מען זאל קענען פירן הרה"ח הישיש ר' משה קליין ז"ל, שווער פון הגה"צ רבי שמעון זאב מיללער זצ"ל דער אראדער רב, מיטן שטוהל-ראד צום ביהמ"ד התאחדות אברכים. די קהלה האט דעמאלט אנגעפרעגט הגה"צ דומ"ץ הקהלה צי מ'קען זיך פארלאזן אויף דעם היתר און אויסברייטערן דעם עירוב אויף ראדני סטריט אויף די גאנצע גאס ביז בעדפארד עוועניו. אזויווי אויפן גאס זענען פילמאל פארקירט אויטאס און מ'קען נישט וויסן פאר שבת וויפיל שטח פון גאס מ'וועט דארפן באנוצן פאר די פארענטשעס אדער בענק, האט זיך אויסגעפעלט אויסצוברייטערן דעם עירוב ביז בעדפארד עוועניו.

דער דיין שליט"א האט דעמאלט געגעבן זיין פולסטע הסכמה; און האט דעמאלט אנגעזאגט פאר די משמשים פון ביהמ"ד מ'זאל מאכן דעם עירוב מיט אלע חומרות, כדי אויב תושבים פון אנדערע גאסן וועלן נאכמאכן דעם עירוב זאל מען זען אז סאטמאר האט געמאכט דעם עירוב מיט אלע חומרות, וממנו ילמדו וכן יעשו.

קהל יטב לב ד'סאטמאר האט דעמאלט באצאלט זעכצן הונדערט דאללאר פאר "ברזילי אייראן-וואורקס" פירמע, וועלכע האט אויפגעשטעלט די אייזערנע שטאנגען פונעם עירוב (ספעציעל הויכע שטאנגען כדי פייערלעשער און סאניטאציע אויטאס זאלן קענען דורכפארן אומגעשטערט.) דער וויליאמסבורגער דיין שליט"א איז אליין אריבערגעקומען געבן די השגחה אינאיינעם מיט בנו הרה"ג רבי לייבוש שליט"א, און זיי האבן געגעבן פונקטליכע אנווייזונגען וויאזוי צו שטעלן דעם עירוב.

אויף ראדני סטריט, עס זאל נישט פארלוירן גיין אין גרויסן ביהמ"ד; ביי א רעגן האבן אלע בחורים אלעמאל געוואוסט אז מ'קען האלטן דעם קאפעלוטש אין די האנט ביזן עק גאס וואו ס'איז אינעם עירוב.

בלויז שמיני עצרת בשנת תשנ"ט ווען מ'האט געפירט די פארענטשעס פון ביהמ"ד צו די גרויסע סוכה אויף בעדפארד עוועניו און צוריק צום ביהמ"ד צו די הקפות, האט מען בהוראות הדומ"ץ שליט"א געמאכט אן עירוב אויף בעדפארד עוועניו פון ראדני סטריט ביז ווילסאן סטריט, דעמאלט האט דער דיין שליט"א געהייסן הענגען מודעות אז דער עירוב אויף בעדפארד עוועניו איז נאר צום באנוץ פון די גוים וועלכע וועלן שלעפן די פארענטשעס, אבער אויסדרוקליך נישט פאר'ן באנוץ פונעם גאנצן ציבור ווייל בעדפארד עוועניו איז לויט טייל דעות א רשות הרבים דאורייתא.

ווינטער תש"ס, ווען ס'האט זיך באזעצט אין וויליאמסבורג דער ונמ"ס'ער רב שליט"א, האט ער מוסיף געווען א חומרא פון וואס מ'האט נישט געוואוסט בימי כ"ק רביה"ק זי"ע און מ'האט אויך נישט געהערט דערפון אלע יארן תחת נשיאותו פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א ומחדר הוראה פון הגה"צ דומ"ץ וויליאמסבורג שליט"א – אז מ'זאל "גודר גדר" זיין און אויפשטעלן אויף ראדני סטריט אייזערנע גראטעס, באקאנט אלס "דלתות".

די חומרא האט מען נאר איינגעפירט אויף ראדני סטריט. הונטערן ביהמ"ד אויף די הייוועי-זייט איז ווייטער געבליבן דער ארגינעלער עירוב פון צורת הפתח, אזויווי בימי כ"ק רביה"ק זי"ע ולאחריו לאנגע יאר'ן תחת דגלו פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א ובהוראת הדומ"ץ שליט"א.

לכתחילה איז געווען באשטימט ראדני סטריט טראגן אנשים נשים וטף יעדן שב"ק און יום כיפור.

האבן תושבים פון אנדערע וויליאמסבורגער געסלעך אנגעהויבן טענה'ן: למה נגרע? אויב מעגן די תושבים אויף ראדני סטריט טראגן, און אויב מעגן די מתפללים אין סאטמארער ביהמ"ד ארויסגיין ביי יזכור שחל להיות בשבת מיט די מחזורים אין די הענט א.ד.ג. פארוואס זאלן אנדערע אידן נישט האבן די פריווילעגיע פון זיך באנוצן מיט א כשר'ן עירוב?

די תושבים זענען נישט געבליבן ביי די טענה, נאר זיך אויך גענומען למעשה. אין לויף פון די לעצטע צוויי א האלב יאר זינט ס'איז אויפגעשטעלט געווארן די דלתות אויף ראדני סטריט, האבן רוב וויליאמסבורגער געסלעך איינגעפירט א "בלאק-עירוב" אויף זייערע געסלעך; יעדע בלאק האט א באזונדערן עירוב, אזויווי ראדני סטריט צווישן לי און בעדפארד, און עס טראגן אנשים נשים וטף.

פארגאנגענע וואך האט מען באזייטיגט די דלתות און אויך אראפגעריסן די שטריק פונעם צורת הפתח עירוב, און אנאנסירט בשם דעם דיין שליט"א אז דער עירוב אויף ראדני סטריט איז אלע יארן געווען בלויז פאר די גוים, אריינצוברענגען די פארענטשעס אין ביהמ"ד לשולחנותיו הטהורים פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א.

חסידי סאטמאר בכלל ותושבי ראדני בפרט זענען אויפגעברויזט און פארוויטאגט אויף די יעניגע וועלכע ווילן אהערשטעלן דאס מציאות כאילו די אלע טויזנטער אידן וועלכע האבן געטראגן במשך די לעצטע צענדליגער יארן אויף ראדני סטריט פארלאזנדיג זיך אויפן עירוב בהוראת הדומ"ץ שליט"א, האבן חלילה מחלל שבת געווען בפרהסיא.

זכרו תורת משה במצות שבת גרוסה.